LIBRARIES
UNIVERSITY OF WISCONSIN–MADISON

# A Yidishe troike \= א עשידיא עקיארט.

Frug, S. G. (Semen Grigor’evich), 1860-1916

New York, New York: Hebrew Publishing Company (50 Eldridge St.), 1917

https://digital.library.wisc.edu/1711.dl/4ABZ7NSYB4P2O8C

http://rightsstatements.org/vocab/NKC/1.0/

The libraries provide public access to a wide range of material, including online exhibits, digitized collections, archival finding aids, our catalog, online articles, and a growing range of materials in many media.

When possible, we provide rights information in catalog records, finding aids, and other metadata that accompanies collections or items. However, it is always the user's obligation to evaluate copyright and rights issues in light of their own use.

728 State Street | Madison, Wisconsin 53706 | library.wisc.edu

# א אידישע טראיקע

# A YIDDISHE TROIKE





## אַ אידישע טראָיקע

(תשובה, תפלה וצדקה)

פון

**ש. פרוג**

## A YIDDISHE TROIKE

By SH. FRUG

Volks motiv, arranged by

J. M. RUMSHISKY

HEBREW PUBLISHING CO.
50 ELDRIDGE ST NEW YORK

J. KELLER

# A Yidishe Troike

Words by
SH.FRUG

Volks motiv
*arr. by J. M. Rumshisky*






Copyright 1917 by The Hebrew Publishing Co. N.Y.


hir shen a por a lem pert a leib in der mi ten der
kut sher nemt bald die lei zen in hand nu kin der lach le be dig
f
frei lach dem shli - ten chapt auf mit a mohl wie a brand shteh
p
f
hail sich nit wart, wart pa me lach; dem shli - ten chapt auf mit a mohl wie a brand shteh
1
hail sich nit wart, wart pa me lach.
D. C.
2
D. C.

# צווייי טראָיקעס

**א.**

דער שנעע איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנ־,
אַ שליט־וועג אַ חיות געוואָרען,
די פערדעלאַך שטעהען אין שליטען געשפּאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָהרען.

אי! פערדעלעך־חיות! נו, זעץ זיך און פאָהר! —
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטען;
צוויי פערד פון די זייטען — ווי הירשען אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעהמט באַלד אַלע לייצען אין האַנד:
— „נו, קינדערלאַך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען כאַפּט אויף מיט אַמאָל ווי אַ בראַנד...
— שטעה, אייל זיך ניט, וואַרט־וואַרט, פּאַמעליך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי אַ פויגעל, אַ ווינד,
אַ פייל פון'ם בויגען, אַ וויכער,
זיי לויפען, זיי שוועבען, — זיי פליהען, געשווינד,
וואָס ווייטער — אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי אַ לאָקשענברעט גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיער זייטען,
דער קוטשער — אַ מזיק, די פערדעלאַך — זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

פאָהרט, פריצים, קאַטאַיעט זיך, — גליקליכע טעג!...
נאָר וואַרט נאָר, וואָס איז דאָס? פּאַסטאַי־קאַ!
ווער קריכט דאָס דאָרט? איי! איי! אַראָפּ פון'ם וועג!...
— דאָס שלעפּט זיך די אידישע טראָיקאַ...

---

**ב.**

אַ וואָגען — אַ פּאַלאַץ! — די בויד איז געוועבט
פון גאַנצע תרי"ג אַלטע שטיקלעך,
די אַקסען מיט וואַקס פון הבדלה געקלעבט,
די רעדער געבונדען מיט שטריקלעך.

דריי קליאַטשעס — דריי אָדלערס! דריי לייבען, אַ שרעק!
זיי שפּרינגען, נו טאַקע ווי זשאַבעס...
ישראל'יק פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט אָהן אַן עק, —
אַהיים צו פאַספּייען אויף שבת...

אַהיים... אוי, ווי ווייט נאָך, ווי ווייט איז זיין היים!
ווי שווער, נעביך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
כאָטש טרענק זיך, כאָטש קריך אויף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעשטשעט דער סכך,
די זאַווייעסקעס סקריפּען און קנאַקען,
אָט, אָט איז אַ גרוב, אַ פערזינקעניש — טראַך!
ער פליהט און צוברעכט האַלז און נאַקען...

נאָר האָט ניט קיין מורא: ישראל'יק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכות עגלה;
ער שלעפּט זיך דאָך שוין כמעט צוויי טויזענד יאָהר,
דאָס איז דאָך פון אייביג זיין ראָלע...

ער שלעפּט זיך דורך פעלדער און וועלדער אַ ים,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּס, מדברות,
ער האָט שוין געפּיהלט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פון אַלערליי ביטערע צרות...

ער האָט שוין בעגעגענט אי לייבען, אי הינד,
אי לצים, אי שלענג, אי גזלנים;
עס האָט ביז אַ'ן ביין איהם געשמיסען דער ווינד,
דער האָגעל — געפּאַטשט איהם אין פנים.

עס איז אָבער גאָר ניט געוואָרען פון דעם:
— בילט, כלבים, עד לב השמים!
זיין טראָיקע שלעפּט זיך נאָך, ברוך־השם,
ער לעבט נאָך און פאָהרט נאָך עד־היום!

פיעל טראָיקעס געוואָרען שוין הינקעדיג, בלינד,
פיעל גלעקלעך צובראָכען, פיעל בייטשען צוריסען;
עס איז שוין קיין זכר ניטאָ פון די הינד,
וואָס האָבען אַמאָל איהם געביסען.

עס איז ניט געבליבען אפילו דער אָרט
פון טויזענד פּאָטשטאָווע קוריערען און רייטער,
און זעהט נאָר, ישראל'יקס טראָיקע — זי פאָהרט,
זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די אידישע טראָיקע — איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האָבען אויף איהר אַ חזקה...
די אַלטיטשקע אידישע טראָיקע — זי הייסט:
תשובה ותפלה וצדקה!...